לקוטי שיחות

# "The real Purim story"



## חלק א' פורים

2 BACK BASICS

Seeing the parsh the way the Rebbe does

# פורים ופרשת צו

א. דער יום טוב פורים איז צוליב דעם נס און הצלה וואָס דער אויבערשטער האָט געראַטעוועט דעם אידישן פאָלק פון דער גזירת כלי׳ ר״ל.

יענע תקופה איז געווען, על פי טבע, די גליקלעכסטע פאַר אידן אין דער צייט פון גלות. די אידן האָבן דאָן פאַרנומען אַ גרויסן אָרט אין דער רעגירונג, מרדכי ראש הסנהדרין איז געווען פון די שרי המלוכה היושבים בשער המלך, אסתר איז געווען די פרוי פון מלך, וואָס אשתו כגופו דמיא [1]. אין די גאַנצע דברי ימי ישראל בזמן הגלות געפינען מיר ניט —, אויסער דעם פאַל פון אסתר המלכה — אַז אַ אידישע פרוי זאָל זיין די פרוי פון אַ קעניג וואָס האָט געהערשט איבער דער וועלט [2]. איז דאָך פאַרשטאַנדיק, אַז עס איז ניט געווען קיין תקופה אין גלות אין וועלכער אידן זאָלן זיין, על פי טבע, מער זיכער מיט זייער עקזיסטענץ, ווי בימי אחשורוש.

לפועל, אָבער, האָט פאַסירט פאַרקערט. גראַד דאָן ווען על פי טבע איז זייער מצב געווען אַזוי זיכער, איז געקומען אַ גזירה פון פאַרניכטונג ר״ל, להשמיד להרוג ולאבד את כל היהודים — היל״ת — מנער ועד זקן טף ונשים ביום אחד, וואָס דאָס איז געווען די שווערסטע פון אַלע גזירות וואָס זיינען געווען אויף אידן, קיין מאָל איז ניט געווען אַ גזירת כלי׳ ר״ל אויף אַלע אידן, ווי די גזירה בימי אחשורוש.

1) ברכות כד, א.

2) מגילה יא, א.

# Translations - טייטש'ן

| טייטש | ווארט | טייטש | ווארט |
|---|---|---|---|
| rules | געהערשט | For the sake of | צוליב |
| over | איבער | Saved | געראטעוועט |
| understood | פארשטאנדיק | Nation | פאלק |
| existence | עקזיסטענץ | Destruction | כלי' |
| occurred | פאסירט | The other | יענע |
| opposite | פארקערט | Most fortunate | גליקלעכסטע |
| precisely | גראד | then | דאן |
| for sure | זיכער | occupied | פארנומען |
| correction | פארניכטונג | place | ארט |
| hardest | שווערסטע | government | רעגירונג |
| never | קיין-מאל | wife | פרוי |
| | | king | קעניג |

⇒ The situation of the Jewish people at the time of the Purim story, would seem to be more secure than any other time throughout history. Mordechai was one of the king's advisors that sat at the palace gate. Esther was the Queen of the entire world. There has never been another point in history when there was a Jewish queen that had dominion over the entire world. The Jews had such influential positions in the kingdom, that it would seem impossible for anything to possibly happen.

⇒ How is it that at a time when the jews had such strong political power, the worse decree in history was issued. Never was there a decree that was targeted at all jews, in every place and on one day.

⇒ The Gemara tells us that the reason for the decree was because the אידן participated in the feast of Achashverosh. This clearly shows us that the safety and security of the Jewish nation has absolutely no connection to the natural order if the world. Rather our safety is totally dependent on our



אין אַנדערע גלות'ן זיינען אידן ניט געווען אין איין אָרט. צדקה עשה הקב"ה בישראל שפיזרן לבין האומות [3], אויב חס ושלום איין אומה וועט וועלן מאַכן אַ גזירת כלי' ר"ל אויף די אידן אונטער איר ממשלה, וועלן די אידן אין די איבעריקע מדינות בלייבן אומבאַשעדיקט. און אַפילו די אידן פון דער מדינה, קענען דאָך אַנטלויפן אין די אַנדערע מדינות.

אַפילו בימי פרעה, ווען אַלע אידן זיינען געווען אונטער זיין ממשלה, און עס איז אויך ניט געווען קיין מעגלעכקייט צו אַנטלויפן פון מצרים (כמאמר רז"ל [4], שאפילו עבד אחד אינו יכול לברוח משם), איז אָבער דאָרט ניט געווען די גזירה אויף אַלעמען, ווייל פרעה לא גזר אלא על הזכרים [5]).

בימי אחשורוש, אָבער, זיינען אַלע אידן געווען אונטער זיין ממשלה, עס איז אויך ניט געווען קיין מעגלעכקייט צו אַנטלויפן, ווייל: א) ער איז געווען אַ מולך בכיפה, אַ מלך איבער דער גאַנצער וועלט, במילא איז ניט געווען וואוהין צו לויפן. ב) ער האָט געוואָלט להשמיד גו' ביום אחד, איז ניט געווען קיין צייט צו לויפן. ג) די גזירה איז געווען להשמיד גו' את כל היהודים, אַלע אידן היל"ת.

ווי קומט עס טאַקע, אַז אין אַזאַ צייט אין וועלכער אידן זיינען געווען על פי טבע אַזוי זיכער, זאָל קומען אַזאַ שרעקלעכע גזירה? דערציילט אונז די גמרא [6]) די סיבה פון דער גזירה — מפני שנהנו מסעודתו של אותו רשע וכו', זיי האָבן הנאה געהאַט פון דער סעודה פון אחשורוש.

פון דעם זעען מיר באַשיינפּערלעך אַז אידן און טבע זיינען צוויי גאָר פאַרשידענע זאַכן, די הנהגה מיט אידן איז ניט אונטערגעוואָרפן צו נאַטור־געזעצן, נאָר עס איז אָפּהענגיק אין קיום התורה ומצות. און דערפאַר, איז ניט געקוקט, וואָס מצד הטבע איז קיין אָרט אויף אַ גזירה ניט געווען, אָבער ווען די אידן האָבן נהנה געווען מסעודתו של אותו רשע, און דורך דעם באַקומען אַ שייכות מיט ניט קיין כשר'ע זאַכן, איז אויף זיי געקומען אַ גזירת כלי' רחמנא לצלן.

ב. די זעלבע הוראה זעען מיר אויך קלאָר אין דעם אופן פון ישועה און הצלה. דער ביטול הגזירה איז ניט געווען על פי טבע, נאָר דורך תשובה און התקשרות צום אויבערשטן.

בשעת מרדכי ואסתר האָבן זיך דערוואוסט פון דער גזירה, האָבן זיי, אין פלוג, די ערשטע זאַך געדאַרפט גיין מיט אַ דיפּלאָמאַטישער מיסיע זיך משתדל זיין ביי אחשורוש'ן. דערציילט אונז אָבער די מגילה, אַז די ערשטע זאַך האָט אסתר געזאָגט צו מרדכי'ן: לך כנוס את כל היהודים הנמצאים בשושן וצומו עלי ואל תאכלו ואל תשתו שלשת ימים לילה ויום. דאָס איז געווען זייער ערשטער שריט אויף מבטל זיין די גזירה.

נאָך מער: אסתר האָט געזאָגט צו מרדכי, גם אני ונערותי אצום כן. ולכאורה, אסתר'ס חשיבות ביי אחשורוש'ן איז געווען, דער „ותשא חן וחסד לפניו מכל הבתולות", און

3) פסחים פז, ב.
4) מכילתא. געבראַכט בפירש"י עה"ת שמות יח, ט.
5) סוטה יב, א.
6) מגילה יב, א.

# Translations - טייטש'ן

| טייטש | ווארט | טייטש | ווארט |
|---|---|---|---|
| see | זעען | other (s) | אנדערע |
| clearly | באשיינפערלעך | place | ארט |
| so very | גאר | dispersed | שפיזרן |
| various | פארשידינע | under | אונטער |
| subjugated | אונטערגעווארפן | extra | איבעריקע |
| laws of nature | נאטור-געזעצן | remain | בלייבן |
| depends | אפהענגיג | unharmed | אומבאשעדיקט |
| looked | געקוקט | escape | אנטלויפן |
| received | באקומען | possibility | מעגלעכקייט |
| found out | דערוואוסט | dictator | מולך בכיפה |
| seemingly | פלוג | where ever | וואוהין |
| diplomatic | דיפלאמאטישער | frightening | שרעקלעכע |
| step | שריט | tell over | דערציילט |

connection to Hashem. So as soon as we do something that damages our connection, no matter how safe we may seem, we are putting ourselves into danger.

⇒ This idea, that Jews are not subject to the natural order of things, also applies when trying to save the Jewish nation. We see that when Mordechai was informed about the decree, his first move was not to use his political connections to try to annul the decree, rather strengthening the Jewish peoples connection to Hashem through תשובה. מרדכי was aware that it isn't nature that has control over the destiny of the Jews, rather Hashem deals with the Jewish people in a way that's higher than nature.

⇒ The whole reason why אחשורוש chose אסתר as his queen is because he found her to be more beautiful than all the other maidens. It would seem counterproductive for אסתר to go beseech the king after she had fasted for 3 days, which naturally decreases a woman's beauty. אסתר knew that the



זעלבסטפארשטענדלעך אז דורך פאסטן דריי מעת לעת, וועט איר חן (על פי טבע) גרעסער ניט ווערן, און אדרבה, קלענער ווערן[7]), היינט ווי איז ביי איר געווען רעכט צו פאסטן[8]) ?

נאר דער ענטפער אויף דעם איז: פונקט ווי די גזירה איז ניט געווען על פי טבע, אזוי איז אויך די ישועה ניט געקומען מצד הטבע. די ישועה איז געקומען דורך תשובה, און אייד נער פון די עניני התשובה איז פאסטן. און אויב כל היהודים וועלכע זיינען בשושן פאסטן (איז דאך אן איסור אויף א יחיד צו זיין א פורש פון דעם. איז קלאר אז) גם אני ונערותי אצום כן. אי דורך דעם ווערט דאך קלענער דער חן און לא סמכינן אניסא[9]) — מען פארלאזט זיך ניט אויף קיין נס, — און מען דארף טאן אויך אין לבושי הטבע, דאס איז אבער ניט מער ווי א לבוש, און ניט די סיבה פון דער הצלה. דערפאר איז ניט נוגע אויף אזוי פיל דער לבוש. אויב די סיבה — שטארקן זיך אין קיום התורה והמצות — וועט זיין א געגונעגדיקע, וועט א שוואכער לבוש אויך גוט זיין.

מער ניט וואס מצד דעם העלם והסתר פון דער גלות-צייט, זיינען דערבאך סיי די גזירה און סיי די הצלה אנגעטאן געווארן אין לבושי הטבע, אבער די אמת'ע סיבות זייד נען געווען תורה ומצוות. דער נהנו מסעודתו של אותו רשע, האט געד

בראכט די גזירה, און דער פאסטן און תשובה טאן, האט די גזירה מבטל געווען.

ג. די אנווייזונג פון דעם, און בפרט אין היינטיקע צייטן:

פאראן אזעלכע וואס טענה'ן אז דער עיקר מיטל צום קיום פון אידישן פאלק אין דער צייט פון גלות איז דיפלאמאטישע און ענלעכע נאד טירלעכע וועגן, און זיי ברענגען א ראי' פון אסתר'ס השתדלות ביי אחשורוש'ן. דארף מען וויסן, אז אויד סער דעם וואס זיי זיינען מגלה פנים בתורה שלא כהלכה, זיי טייטשן אויס דעם סיפור פון מגילת אסתר היפך האמת, איז דאס אויך א כפירה אין דעם גאנצן ענין פון קיום עם ישראל.

עס שטייט אתם נצבים היום כולכם, זאגן אויף דעם די רז"ל, שגם כאשר כל העולם מתמוטטים, אתם נצבים. דער קיום פון אידן איז אנדערש. דער קיום פון אלע פעלקער איז לויט נאטור-געזעצן, אבער אידן זייד נען ניט פארבונדן מיט טבע, אונזער פארבונד איז נאר מיט תורה ומצוות.

אז עס קומט אן עת צרה אדער א גזירה רחמנא לצלן, דארפן מיר זיך ניט פארלאזן אויף דיפלאמאטיע און השתדלות ביי די אומות העולם. ניט דורך דעם איז אונזער קיום. עס דארף זיין יפשפש במעשיו, פארד ריכטן וואס עס פעלט און שטארקן זיך אין קיום התורה ומצות, און דעמאלט העלפט די השתדלות על פי טבע. און נאך מער: אפילו אויב אנדערע אין אזא מצב וואלטן בדרך הטבע פארלארן געגאנגען, פונדעסטד וועגן, אתם נצבים וקיימים.

מען דארף זיך ניט שרעקן פאר

---

7) זע אבן עזרא (אסתר ד, טז).

8) וע"ד הפסק דין בשלחן ערוך אורח חיים סימן תקע"א, ס"ג.

9) פסחים סד. ב.

# Translations - טייטש'ן

| טייטש | ווארט | טייטש | ווארט |
|---|---|---|---|
| means | מיטל | smaller | קלענער |
| similar | ענלעכע | possible | ראכט |
| besides | אויסער | rely on a miracle | סמכינן אניסא |
| shaking | מתמוטטים | rely | פארלאזט |
| nations | פעלקער | so much | אזוי פיל |
| rely | פארלאזן | satisfying | גענוגענדע |
| search | יפשפש | weeker | שוואכער |
| correct | פאררריכטן | dressed | אנגעטאן |
| missing | פעלט | lesson | אנווייזונג |
| loose | פארלארן | today's | היינטיקע |
| nevertheless | פונדעסטוועגן | are/existsts | פאראן |
| afraid | שרעקן | such | אזעלכע |

salvation was going to come because of תשובה and that her going to the king was just a way for Hashems salvation to have a way to manifest itself into the world. So אסתר realized the importance of focusing on the עיקר which is תשובה, rather than focusing on the טפל, which is her approaching the king.

⇒ We must realize that the same applies nowadays. When there comes a time when the אידן are in danger and need a salvation, we must realize that it will not come through diplomatic efforts and political connections. The way that we survive is very different than the other nations of the world. Our strength and continuity is not bound by nature, rather by our dedication to תורה and מצוות. Even in a situation where others would definitely not be able to succeed, we can come out on top.

⇒ The פסוק says "וברכך ה אלקיך בכל אשר תעשה" which means that Hashem will bless us in all the work we do. This פסוק teaches us that in order to draw down Hashem's ברכות we have to create some sort of vessel which the blessing can manifest itself into. What we learn from the Purim story is that we must constantly be aware that the work that we do isn't what is bringing



דעם מצב פון אידן, ווי מיר זעען אים מיט די פליישיקע אויגן על פי חוקי הטבע. אונזער זאך איז שטארקן זיך אין תורה ומצות, און דעמאלט, איז וועלכן לבוש אין גשמיות מען וועט מאכן, וועט זיך אין אים אנטאן די הצלה הניסית וואס העכער פון טבע.

ד. די הוראה אז אידן זיינען ניט אונטערגעווארפן צו טבע, איז ניט נאר בנוגע דעם כלל ישראל נאר אויך בנוגע א יחיד.

א איד דארף געדענקען אז אלע ענינים וואס ער פארמאגט, זיינען אפהענגיק און קומען פון דעם אויבערשטן אליין, וועלכער איז ניט באגרענעצט חס ושלום אין חוקי הטבע.

אמת טאקע, עס דארף זיין דער „בכל אשר תעשה", וואס אין דעם טוט זיך אן דער „וברכך ה' אלקיך", דאס איז אבער מער ניט ווי א לבוש. דער עיקר איז די ברכה פון דעם אויבערשטן, וועלכע קומט דורכן פארבונד מיט אים דורך לימוד התורה וקיום המצות[10]. און בשעת מען האט דעם עיקר, וועט זיין די הצלחה אין וועלכן לבוש ס'זאל ניט זיין.

ה. דערמיט וועט מען אויך פארשטיין וואס עס שטייט אין ירושלמי[11], „שמאמין בחי העולמים וזורע" (ער זייט ווייל ער גלויבט און פארלאזט זיך אויף דעם אויבערשטן אז עס וועט וואקסן).

אין פלוג איז ניט פארשטאנדיק, וואו דריקט זיך דא אויס די אמונה? אפילו כופרים, להבדיל, וועלכע גלויבן ניט אין ג־ט ברוך הוא, זייען אויך, עס איז דאך א נאטירלעכע זאך אז ווען מען זייט וואקסט?

נאר דער פשט דערפון איז, די אמונה פון א אידן באשטייט אין דעם, אז אפילו בשעת עס רעדט זיך וועגן זריעה, א זאך וואס ער אליין זעט באשיינפערלעך אז דאס האט אין פלוג ניט צו טאן מיט אמונה ובטחון אין דעם אויבערשטן, ער אליין זעט אז אויך ביי אזוינע וואס האבן כלל ניט „צו טאן" מיטן אויבערשטן, וואקסט זייער זריעה. פונדעסטוועגן ווייסט ער, אז ער, אלס איד, איז אנדערש פון דער גאנצער וועלט.

ווארום פונקט ווי דער כלל ישראל, אזוי אויך א יחיד איז ניט אונטערגעווארפן צו חוקי הטבע, און דערפאר ווייסט ער, אז אויך בשעת ביי דער גאנצער וועלט וועט וואקסן מצד חוקי הטבע, וועט ביי אים, אבער, וואקסן נאר דורך זיין אמונה און בטחון אין דעם אויבערשטן.

ו. ווי דאס איז ביי בעלי עסק, אזוי איז עס אויך ביי יושבי אהל. די הצלחה אמיתית אין תורה האט ניט צו טאן מיט גוטע כשרונות, א. ד. ג. נאר מיט סייעתא דשמיא וועלכע קומט דורך יראת שמים, וואס זי — די יראת שמים — ברענגט אויך אז ער זאל לערנען בעמל ויגיעה אמיתית און דעמאלט איז ומצאת — פיל מער ווי בערך היגיעה, נאר בדרך מציאה.

אויב עס פעלט דער עיקר, וועלן ניט העלפן קיין כשרונות און קיין יגיעה, ווארום דאס איז חכמתו של הקדוש ברוך הוא. און בשעת עס איז דא דער עיקר, וועט אים דער אויבערשטער געבן הצלחה שלמעלה מהטבע.

(משיחות פורים תשי"ז)

10) זע אויך אויבן ע' 188 און ווייטער.

11) געברענגט בתוד"ה אמונת, שבת לא, א.

# Translations - טייטש'ן

| טייטש | ווארט | טייטש | ווארט |
|---|---|---|---|
| | | physical | פליישיקע |
| Dependant | אפהענגיק | eyes | אויגן |
| Limited | באגרענעצט | strengthen | שטארקן |
| sews\plants | זייט | then | דעמאלט |
| believes | גלויבט | which | וועלכן |
| grow | וואקסן | Manifest | אנטאן |
| expresses itself | דריקט זיך | Subjugated | אונטערגעווארפן |
| speaking of | רעדט זיך | Recognize | געדענקן |
| clearly | באשיינפערלעך | Acquires | פארמאגט |

the ,ברכה rather it is just a way for us to receive what Hashem wants to give us. Through realizing this, we will put more stress on the source of the ,ברכה which is our connection to Hashem, rather than focusing on the vessel, which is our physical work.

⇒ It says in ירושלמי 'מג that the way a Jew plants his field is that "He puts his seeds in the ground because he believes Hashem will make them grow". This statement is quite puzzling. Even someone that doesn't believe that Hashem is the one who makes things grow, will plant their seeds quite confident that they will grow. Simply because they know that this is the natural order of the world. So what does a jews faith in Hashem have to do with them planting seeds? According to what we explained in the sicha it is well understood. A Jew recognizes that he has absolutely nothing to do with nature and just because that the natural order of things is a certain way, it doesn't have any application to him since he is above nature. So although the natural order of things is that if you plant seeds it will grow, a Jew recognizes that it is dependant on his trust in Hashem.



6. What lesson must we take from this?

7. Why does a Jew plant seeds? How does the Rebbe explain this?

8. How does this apply to someone learning in Yeshiva?

1. What was so special for the jews during the time of Purim? 6

7

2. What are 3 reasons that the גזירה during the time of Purim was worse than any other גזירה?

8

3. What do we see from the fact that although the Jews seemed so secure they still had a terrible decree plotted against them?

4. How does this connect to the way the ישועה came about?

5. Why was אסתר allowed to fast?

BACK2 BASICS

Seeing the Parsha the way the Rebbe does

© 5771 YC SHLUCHIM COVER: LEIBEL KRINSKY טײטשין & CONCEPTS: DOVID RACHMANI LAYOUT: MENACHEM ARON

TO RECEIVE THIS BOOKLET WEEKLY VIA EMAIL, CONTACT YCBACK2BASICS@GMAIL.COM